# פרשת דברים
שבת חזון
שנה ג' - גליון קכ"א
שנת תשע"א לפ"ק

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
7:52
זמן מוצאי שבת
9:18
פרקי אבות - פרק שלישי

## ואהבת לרעך כמוך

**די וואך** ווען מיין רבי האט אונז פארציילט אזוי שיין די מעשה פון קמצא און בר קמצא. האבן מיר זיך שטארק פארגענומען, אז מיר ווען זיין גוט, איינער צום צווייטן. מיר ווען זיך נישט ארום קריגן, און נישט ווי טוהן א חבר. מיר האבן אפילו געברענגט איין גוטע זאך פאר מיין חבר. אזוי ווען מיר אלע קינדער זיין זייער גוטע חבירים. מיין רבי האט אונז שיין מסביר געווען אז מיר ווען אוף בויען דעם ביהמ"ק מיט אונזער'ע מצוה'לעך. א ספעציעלע מצוה צעטיל מיט ציגל צו בויען דעם ביהמ"ק האבן מיר אהיים געברענגט כדי אונז אויסצולערנען אז מיט אונזער'ע מצוה'לעך ווען מיר אויפבויען דעם ביהמ"ק אין שנעלע טעג.

## די טעג זענען שיין פארנומען!

**און די** ניין טעג ווען מיר זענען נישט געגאנגען שווימען האבן מיר געהאלטן אונזער'ע הענט'לעך זייער פארנומען. מען האט געמאכט שיינע זאכן. מיר האבן אפילו געקענט אליינ'ס אויסשניידן (ק"ג). דערנאך האבן מיר דאס שיין ארויף געקלעבט. אזוי האבן מיר צוזאם געשטעלט גאר א שיינעם מילכיג'ן טאץ צו קענען עסן דערויף.

## השמים מספרים - לבנה, שטערנ'ס !

**די וואך** זענען מיר געווארן גוט באקאנט מיט די גרויסע וואונדער פון די נאכט, די לבנה, מיט די שטערנ'ס. מיר ווייסן שוין זייער גוט ווען די נייע לבנה ווערט געבוירן. טאקע א יעדן ראש חודש א נייע לבנה. אזוי אויך די שיינעדיגע בליטשקעדיגע שטערנ'ס וואס לייכטן אויפדערנאכט אזוי שיין.

## סדר פון קומענדיגע וואך

**מאנטאג ערב תשעה באב:** וועט זיין חדר ביז 12:25 (ערשטע סטאפ) איין שעה שפעטער ווי א יעדן פרייטאג.

**מיטוואך א טאג נאך תשעה באב:** וועט מען קומען אין חדר 10:15 (ערשטע סטאפ) איין שעה שפעטער פון א יעדן טאג. מען וועט עסן פרישטאג אין חדר געהעריג.

**אלע קינדער** ווען מאנטאג ערב תשעה באב אי"ה באקומען א קליינע תשעה באב בענקל'ע ספעציעל פאר די קינדער.

**שווימען** וועט מען נאכנישט גיין מיטוואך א טאג נאך תשעה באב, נאר אי"ה דאנערשטאג ווען אלע קינדער אי"ה גיין שווימען געוואנדן לויטן וועטער.

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
**משה ב"ר הלל ראזענבערג ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי חיים הערש פעלזן שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
**וואלף ב"ר עזריאל מאיר קאהן ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מאיר יעקב יצחק ב"ר שמעון ישראל שטיינמעטץ ני"ו**
לכבוד זיין חדר פירן צום זאגן א"ב
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמואל ברוך קאהן שליט"א
און רבי סנדר ישראל מיללער שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**